די

פארבאטענע ליבע

א העכסט שפאנענדער ראמאן פון אידישן פאמיליען לעבן אין אמעריקע

פון א. ה.

(פאָרזעצונג)

דאס גליק צעבליט דעם מענטש. דאס גליק מאכט דעם מענטשן שענער, צאַרטער, דערהויבענער. דאס גליק צעבליט דעם מענטשנס נשמה און דאס זעלבע איז אויך געווען מיט סיידין. וואס האט זיך איצט געפילט אזוי גליקלאך ווי קיינער ניט אויף דער וועלט.

8טעם קאפיטל

אין געדיכטן פלאָנטער

דער פופצניאריקער מאריס האט די ערשטע פאר טעג געווארט א צעווייטיקטע, א צעבראכענער עסטעלא זאל זיך באווייזן אין זייער הויז. וואס אייגנטלאך האט ער נאך דערווארט? אויף וואס האט ער נאך געקענט האפן? איז דען מעגלאך געווען אז זיין ערשטער אויסגעטרוימטער חלום זאל צוריק גאנץ ווערן? אלץ איז דאך געווען צעבראכן! עסטעלא האט א געליבטן, זי איז פארשוועכט, זי איז אויסגעלאשן. אבער אין אין זיין יונגן גוף האט געוואכט א האַפענונג. ער האט אליין ניט געוואוסט אויף וואס ער האפט. אבער עסטעלא האט זיך ניט געוויזן. עס איז געקומען א טאג, א נאכט און ווידער א טאג. דאס יונגע צעבראכענע אינגל האט גאנצע שטונדן פארבראכט זיצנדיק אין פעלד לעבן דעם בוים וואו ער האט יענע נאכט נאך דער קאטאסטראפע אזוי פיל געוויינט. ער האט שוין גארניט געקענט טראכטן. ער איז געזעסן מיט פארקלייווערטע אויגן און געקוקט אין איין פונקט. און וועמען האט ער עס גענומען? עסטעלא איז אים כסדר געשטאנען פאר די אויגן. ער האט זיך איינגערעדט, אז זי שטייט פאקטיש דא אין פעלד, און ער האט כסדר געקוקט אויף איר, און ניט געוואוסט וואס עס וועט פאסירן מיט אים. און אפט האט ער זיך דערמאנט אן דער סצענע וואו ער האט זי באגעגנט מיטן געליבטן; און דאס הארץ האט זיך אין אים צוזאמענגעדריקט פון דערנידעריקונג. דאן האט ער גענומען קרעכצן און רעוועט נאר אן טרערן שוין. קיין טרערן האבן זיך ניט באוויזן. מיטאמאל אבער איז אים איינגעפאלן: און אפשר איז זי איצט ביי אונז אין הויז. און אפשר זוכט זי אים דארט מיט די אויגן?

דאן איז ער אויפגעשפרונגען מיט א קלאפנדיק הארץ און איז אוועק מיט גיכע טריט — אבער זי איז ניט געווען. ער איז געווען בלייך. האט זיך ארומגעדרייט איבערן גארטן, האט אויפגעציטערט ביי יעדן שאָרך און ניט געוואגט ביי קינעם צו פרעגן אויב זי איז ניט געווען.

ליין, זי איז ניט געווען. זי איז פארנומען מיט איר געליבטן. איצט זיצט ער ווידער אין דער זעלבער פאזע ווי ער האט זיי געטראפן. און אפשר איז גלייכער! זאל זי בעסער ניט קומען. זאל זי שוין אוועקפארן פון דער געגנט.

אבער ווי אזוי וועט ער ווייטער קענען לעבן? צוריק צו דעם פריעריקן לעבן וועט ער שוין ניט קענען צוריקקומען! צוריק ווערן רואיק און זיך שפילן מיט די אינגלאך פון דעם דארף דאס האט ער געפילט איז שוין אוממעגלאך. וואס זשע וועט מיט אים זיין? וואס פאר א זין האט דער מארגנדיקער טאג?

און וואס וואלט געווען ווען זי קומט יא? גלייכער זי זאל ניט קומען. גלייכער — ער האט הנאה געהאט פון דעם ווייטיק וואס ער האט געפילט ביים געדאנק, אז ער וועט זי שוין מער ניט זעען. א, ווען ער וואלט געקענט ווערן צוריק אט דער שטילער מאריס וואס מיט עטלאכע וואכן צוריק! אבער זיין נעבעכדיקע קינדהייט איז שוין געווען ווייט פון אים! די גייסטיקע קאטאסטראפע וואס ער האט איצט איבערגעלעבט האט אוועקגעשטעלט א גרעניץ צווישן היינטיקן טאג און זיין פארגאנגענהייט. און ער וועט שוין מער קיין קינד ניט ווערן.

דער טרויער איז געווען א שרעקלאכער. עס איז געווען אזא טיפער טרויער, אזא שווערע אומעט, נאך וועלכער עס בלייבט קיין כח ניט עפעס צו פארלאנגען. אפילו קיין זעלבסטמארד קען מען ניט פארלאנגען. ניטא צו וואס צו לעבן, ניטא אויך צוליב וואס צו שטארבן.

מאריס האט ארומגעבלאנקעט איבער די פעלדער און דאס האט אים געפירט צו משוגעת כמעט. צו וואס לעבן אויף דער וועלט?

ער האט געפילט: צו שווער איז פאר זיינע כחות איבערצוטראגן די ליידן. א, ווען ער וואלט געקענט פאר עמיצן אויסגיסן זיין הארץ! אבער פאר וועמען? צו וועמען קען ער ריידן? ווער וועט אים אויסהערן און פארשטיין?

אבער דאך האט ער נאך אויף עפעס געהאפט. אפשר וועט זיך עסטעלא באווייזן און מיט איר באווייזן זיך וועט געלינדערט ווערן זיין פיין. אפשר איז טאקע דער דאקטאר ניט מער ווי איר נאָענטער פריינט? א פריינט? האט ער דען זיי ביידע ניט געטראפן אלס געליבטע? און אפשר האט ער טאקע ניט גוט געזעען? אפשר האט זיך עס אים בלויז אויסגעדאכט? מער ווי עס איז?

אבער עסטעלא איז ניט געקומען.

און עסטעלא האט ניט געקענט קומען מער אין דעם הויז. זי האט זיך זייער דערשראקן פאר מאריסעס אויפפירן יענעם טאג. זי האט געטראכט: אפשר איז פארן אינגל אנטפלעקט געווארן איר לעבן. אפשר איז ער אריינגעאנגען אין איר געהיימניש. כאטש מיט וואס פאר א רעכט האט זי געקענט פארדעכטיקן וואס עס איז פארגעקומען אין מאריסן? זי האט דאך פון גארנישט ניט געוואוסט. זי האט דאך אים געהאלטן פאר א זייער נאאיוון, אפילו פאר א שטיקל תם. אבער דאך האט זי מורא געהאט צו קומען צו די סילווערס. זי האט מורא געהאט טאמער האט מאריס דערציילט אין דער היים פון דעם וואס עס האט פאסירט און זי האט מורא געהאט אז מען וועט זי שלעכט אויפנעמען ווען זי וועט אהין קומען. נאך מער: זי האט מורא געהאט, זי זאל ניט טרעפן פאר זיך א "פארמאכטע" טיר. זי איז א פרוי וואס האט א געליבטן. זי איז אזעלכע, פאר וועלכער מען פארמאכט די טירן פון אנשטענדיקע הייזער.

אט דאס וואס עס איז שוין אייגנטלאך אריבער א וואך זינט זי איז געווען ביי די סילווערס און מען הערט ניט פון זיי. זיי שיקן קיינעם ניט געוואר ווערן איז פאר איר געווען א באוויזן אז געשיקט האבן זיי מאריסן טאקע צוליב דעם. זיך דערוויסן פארוואס זי קומט ניט און מאריס האט איבערגעגעבן וואס ער האט דארט געזען . . .

די טעג זיינען פאר מאריסן געווען שווערע, די נעכט גרוילנדע. ער איז געווארן בלייכער פון טאג צו טאג. דאס פנים איז אים איינגעפאלן. דער צער איז געוואקסן אין זיינע אויגן. אבער אין שטוב האט מען אויף אים ניט אומגעקוקט זיך. מען האט פשוט קיין צייט ניטגעהאט. מען האט מיט אומגעדולד און מיט שרעק געווארט דאס אנקומען פון סיידין. יעדער איינער האט אנדערש געווארט אויף איר. און מאריס איז געווען גענצלאך אליין. אליין מיט זיינע ליידן און פיין.

מר. סילווער האט איצט געלעבט אינגאנצן פארטאן אין זיין פארגאנגענהייט. ער האט איצט כסדר געטראכט וועגן דעם וואס אט־אט וועט ער דערזעען פאר זיך אז אומבאקאנטע טאכטער. די טאכטער וואס ער האט נאך קיינמאל ניט געזעען און וועלכע וויסט אפילו ניט אז ער איז איר פאטער. ער האט כסדר געטראכט וועגן דעם וואס אים שטייט פאר צו טאן. און עס האט אים געשראקן ניט וויסנדיק ווי אזוי ער וועט זיך אויסדרייען פון דעם פלאנטער אין וועלכן דאס לעבן האט אים אריינגעווארפן.

מרס. סילווער האט אויך דערווארט מיט שרעק און אומגעדולד צו זעען ווער עס איז די וועמען איר עלטסטער זון האט זיך אויסגעקליבן. און — ווער ווייסט? וועט זי דארפן דערקלערן א אפענע מלחמה דעם זון? אדער אפשר, אפשר וועט דאס מיידל מאכן אויף איר אזא שטארקן איינדרוק, אז עס וועט איר פרייען; אפשר איז דאס ווירקלאך א פיין מיידל . . .

דייוו אליין איז דאך געווים געווען פארנומען בלויז מיט זיך אליין און מיט זיין ליבע. זיין אומגעדולד האט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה. ווי באלד ער האט באקומען פון סיידין דעם ספעשל דעליווערי, אז זי קומט צו פארן אין צוויי טעג ארום, האט ער זיך אזש צעזונגען פון גרויס פרייד, און ער האט מיט אלע חושים געווארט אויף דעם.

און ווער האט זיך געקענט אומקוקן צו זעען וואס ס'טוט זיך מיט מאריסן? קיינער ניט.

(ווייטערס קומט)

פריש געשאכטענע כשר'ע

גענז

גרויסע און פעטע

16 ס. א פונט

פעטע טשיקענס,
13 ביז 16 סענט א פונט
ספרינגס,
13 ביז 16 סענט א פונט

מיר דעליווערן איבעראל

GROSNEY BROS.
541 Selkirk Ave., cor. Andrews
Phone 56 061

דעמאקראטן געווינען א וואַניקע מערהייט אין הויז

וואשינגטאן, ד. ק., דעצ. 8 (איטא). — דזשאן נ. גארנער, דעמאקראטישער רעפרעזענטאנט פון טעקסאס פאר 30 יאר צייט, איז דערוויילט געווארן ספיקער פון הויז. די דעמאקראטן האבן דערביי ארויסגעוויזן זייער שטארקייט, דערוויילנדיק זייער קאנדידאט מיט 218 שטימען צו 207 פאר דעם רעפובליקאנישן קאנדידאט, רעפרעזענטאנט סנעל, פון ניו־יארק. די רעפובליקאנער אינסורגענטן 4 אין צאל, האבן געשטימט פאר דעפ. רעפ. שניידער, פון וויסקאנסין.

דערמיט איז די פאליטישע לאגע אין די פאראייניקטע שטאטן געווארן גאנץ קאמפליצירט. א דעמאקראטישער קאנגרעס און א רעפובליקאנישער סענאט וועלן דארפן דורכפירן א גאנצע רייע וויכטיקע געזעצן וועגן שטייערן, ארבעטסלאזיקייט און א. א. וו., און ס'איז צו דערווארטן גאנץ ערנסטע קאנפליקטן צווישן ביידע הייזער.

ספּאַלדינגס רעסיטל א טריאומף

(רעצענזיע) פון מאָריס גוסין

די מוזיק קריטיקער פון דער וועלט האבן שוין געליינט זייער שטעמפל אויף אלבערט ספאלדינג, אלס פידלער — א קינסטלער פון גאטס גנאד.

דעם דאזיקן פאקט האט ער נעכטן אוונט באשטעטיקט מיט זיין רעסיטל אין פלעיהאוז טעאטער, שפילנדיק זייער א פיינע פראגראם. דאס איז געווען אן עכטע דעמאנסטראציע פון פידל־קונסט און דער גרויסער עולם האט אים געגעבן אן ענטוזיאסטישע אויפנאמע.

אלבערט ספאלדינג האט אנגעהויבן זיין פראגראם מיט האנדעלס פאפולערער סאנאטא אין אי מיידזשאר.

זיין צווייטער נומער, פארטיטא אין בי מיינאר (בלויז פאר פידל) פון באך, איז געווען אן אנטפלעקונג. ער האט עס געשפילט א נ ד ע ר ש. דא איז ער געווען אינדיווידואליסטיש, מיט אן אייגענער, נייער אויסטייטשונג, אוועקגייענדיק פון דעם אריגינעלן נוסח. איבערהויפט האט ער דאס ארויסגעוויזן אין "סאראבאנדע" — דאבל און בורי".

די בראהמס סאנאטא אין די מיינאר, אפ. 108, איז פאר אים געווען א גרויסער טריאומף! דא האט ער זיך מיט זיין גלאריייכן שפילן אריינגעטערלעט אין די נשמות פון זיינע צוהערער. דער פערטער מאוועמענט פון דער סאנאטא איז באזונדערס פיין געשפילט געווארן, וואס האט געפונען א טיפן אפקלאנג אין די הערצער פון די צוהערער.

די דאזיקע סאנאטא האט ספאלדינג פארוואנדלט אין אן אומפארגעסלאכער פערפארמענס. ער האט אין דעם אריינגעגעבן א נייע און דעליקאטע נשמה, — א פערפעקטן און עכטן אויסדרוק פון קונסט. דאס איז א גלאנציקע מייסטערשטיק, מייסטערהאפט ארויסגעבראכט מיט עכטער צארטקייט, ווארעמקייט און גלענצנדן טאן, אומאיבערטרעפלאך באלאנסירט מיט א פערפעקטער טעכניק, קאנטראל פון בויגן און פאעטישן אויסדרוק פון סענטימענט — דאך לייכט, אן דער קלענסטער אנשטריינגונג און מיט אזא צארטן געפיל וואס לאזט איבער א טיפן איינדרוק, און הערנדיק אים שפילן ווילט זיך זאגן, אז ער איז איינער פון די אנגעזעענסטע פידל־ווירטואזן פון אונזער דור.

זיין אקאמפאניסט, אנדרע בענאַאיסט, איז א קינסטלער פיאניסט, א מוסטערהאפטער אקאמפאניסט און ער האט גלענצנד מיטגעשפילט די סאנאטן.

אויב מען קאן עפעס אויסזעצן קעגן מר. ספאלדינגס פראגראם, איז דאס וואס עס איז געווען שוין "צו א גוטע פראגראם". עס ווילט זיך הערן אזא קינסטלער שפילן א "קאנשערטא". ווי עס ווייזט אויס איז מר. ספאלדינג שטארק איינגעגלויבט אין די וויניפעגער מוזיק ליבהאבער ווי אין אן אלערהעכסטן קלאס, וועלכער קאן פארדייען בלויז סאנאטן. אויב אזוי דארפן מיר טאקע שטאלצירן מיט זיך...

דער לייכטערער טייל פון דער פראגראם איז באשטאנען פון א גרופע פון פיר נומערן, איינשליסנדיק אן אייגענע קאמפאזיציע — יעדער נומער א פערל, מוסטערהאפט געשפילט. ער האט אויך געשפילט 4 אנקארס איינשליסנדיק "וואלס אין איי מיידזשאר" פון בראהמס־האכשטיין, און בעטהאוועגס טערקישן מארש.

אלבערט ספאלדינג טרעט היינט אוונט ווידער אויף אין א רעסיטל. ער וועט שפילן די פאלגנדע פראגראם:

סאנאטא, "די דעווילס טריל", טארטיני; סאנאטא אין איי מיינאר, אפ. 91, בלויז פאר פידל, מעקס ריגער; פאעמע, טשאוסאן; ראנדא בריליאנט, וועבער; פרעליויד, און אלטע איטאליענישע טעמע, פילאטי; עלעגיע, פאור; מינסטרעלס, דעביוסי; דאס מיידל מיט די פלאקסענע האר, דעביוסי־הארטמאן; זאפאטעאדא, סאראסאטע.

MACDONALD'S Fine Cut

10¢ & 15¢

MACDONALD'S
Fine Cut
SMOKING TOBACCO
WITH ZIG-ZAG PAPERS
ZIG-ZAG

דער בעסטער טאבאק פאר די יעניקע וואס מאכן זייערע אייגענע סיגארעטס

סיגארעט פייפערס פריי
ZIG-ZAG
מיט יעדן פעקל טאבאק

קאנאדעס פיינסטער סיגארעט טאבאק

טעלעפאנירט 52 213

און איר וועט קריגן אלע נויטיקע איינצלהייטן ווי אזוי צו באטייליקן זיך אין די

$1,500 פרייזן

פאלגט נאך אונזערע אנאנסן מיט אלע נויטיקע דעטאלן וועגן דעם גרויסן צירקולאציע קאמפיין אין אונזער פריטאנדיקער אויסגאבע, דעם פערטן דעצעמבער, ערב חנוכה.

קאנטרי אידן, לאזט ניט דורך די געלעגנהייט

שרייבט גלייך פאר איינצלהייטן צו

ISRAELITE DAILY PRESS
Phone 52 213 :: 165 Selkirk Ave.

דייטשלאנד קאן ניט צאלן אירע חובות

באזעל, שווייצאריע, דעצ. 8. — דייטשלאנד האט געמאכט אן אפיציעלע דעקלאראציע, אז זי קאן ווייטער ניט פארזעצן די צאלונגען פון רעפאראציעס אונטער דעם יאנג פלאן.

דר. קארל מעלכואר האט אין נאמען פון דייטשלאנד איבערגעגעבן א חשבון פון דייטשלאנדס פינאנציעלן מצב צו די מלוכות וואס זיינען אונטערגעשריבן אויפן יאנג פלאן, וואו עס ווערט דערוויזן, אז דייטשלאנד איז ניט בכח אנצוגיין מיט די צאלונגען.

א קאמיסיע איז ארגאניזירט געווארן אונטער פארזיצערשאפט פון אלפרעדא בענעדוטשע, פון איטאליע, אונטערצוזוכן דייטשלאנדס עקאנאמישע לאגע, איידער די פראגע פון רעווידירן די רעפאראציע צאלונגען וועט אויפגעהויבן ווערן.

אין וואקער טעאטער

"די בערעטס אף וואמפאל" געשפילט פון די בריטישע שוישפילער, פרעזענטירט פון סער בערי דזשעקסאן אין וואקער טעאטער האט געמאכט דעם גרעסטן דערפאלג מיט דער פארשטעלונג. דער עולם איז העכסט ענטוזיאסטיש פון דער פיינער פארשטעלונג.

"די בערעטס אף וואמפאל" וואס איז געשפילט געווארן מיט גרעסטן דערפאלג אין ענגלאנד, די פאראייניקטע שטאטן און אין קאנאדע, ווערט געשפילט די גאנצע היינטיקע וואך אין וואקער טעאטער.

יעדער אקטיאר און אקטריסע איז א "סטאר" אין זיין אדער אין איר ראל. די אויפפירונג איז וואונדערבאר. זעט עס היינטיקע וואך אין וואקער טעאטער.

היינט
8.30 אוונט
פלעיהאוז
ספּאלדינג

דער איינציקער וועלט באריהמטער וויאלינעסט וועלכער וועט שפילן אין וויניפעג היינטיקן סעזאן

בילעטן אין וויניפעג פיאנא קא., טעלעפאן 88 693
$2.50, $2.00, $1.50, $1.00
ביז 6 נ. מ.
ראש סיטס 75 סענט אין פלעיהאוז 7.45 נ. מ.

סעלעבריטי קאנצערט סעריעס

WALKER PHONE 28 683

היינט אוונט
אוונט, 8.15 מאטינעס, 2.15
סער בערי דזשעקסאן
פרעזענטירט זיינע
בריטישע שוישפילער
פון לאנדאן, ענגלאנד, אין
די בערעטס אף וואמפאל סטריט
אוונט, 75ס., $1.00, $1.50, $2.00
מיטוואך און שבת מאטינעס, 50ס. ביז $1.50

א גמרא קלאס אין תלמוד תורה

פון זונטאג דעם 13טן דעצעמבער עפנט זיך ביי דער תלמוד־תורה א ספעציעלער קלאס פאר גמרא. די למודים וועלן פארקומען פארלויפיק איין מאל א וואך — זונטאג.

עס ווערן אויך אנגענומען קינדער וועלכע לערנען ניט אין תלמוד־תורה.

די רעגיסטראציע פאר דעם למוד הגמרא קומט פאר אין תלמוד תורה יעדן טאג, אין די אפיס שטונדן.

יוסף וואלינסקי,
פרעזידענט

משה יצחק קאוואלסאן ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיל צו זיינע עלטערן און צו דער גאנצער פאמיליע אין זייער גרויסן פארלוסט. גאט זאל אייך טרייסטן און איר זאלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

מוטער פאראיין
פון תלמוד תורה

אברהם באקסער ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיל צו אונזער ברודער, נחמן באקסער און פאמיליע אין זייער גרויסן פארלוסט. אין זייער וואוילטעטיקער ארבעט אויף אלערליי צדקה געביטן זאלן זיי זייער טרייסט געפינען.

בעסאראבער פריי
לאָן אסאסיאיישאן

Classified Section קלאסיפייד סעקשאן

ספּעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג:

איין מאל 5ס. פער אגייט ליין
פאר א וואך 20ס. " "
פאר א מאנאט 75ס. " "
3 מאנאטן, $2.15 אגייט ליין
6 מאנאטן, $4.00 " "
פאר 1 יאר, $7.50 " "

:: פערזענלאכעס :: PERSONAL

וואלץ און נייסטער פאקס טראט, גאראנטירטער קורס $5.00. טעפ דענסינג קלאסן פאר ביזנעס מיידלאך, קלאסן פאר קינדער.

PROFESSOR and MISS SCOTT
LYCEUM PRIVATE STUDIOS
Phone 88 106

היים און אפיס פארניטשור פארלאנגט
פאר מזומן געלט.
KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Phone 29 040

באהאנדלונג פון אלע סארטן קראנקהייטן

אויך פארעלטערטע קראנקהייטן, דורך פיזיאלאגישע, מאגנעטאפאטיק אדער עלעקטריק מעטאדן. קיין מעדיצין — קיין אפעראציע. 13 יאר אלס פראקטיקאנט אין דייטשלאנד און קאנאדע. אלס א ספעציאליסט באהאנדל איך נערוון קראנקהייטן, פרויען טראבל, רומאטיזם, פאראליזם און עפילעפסיע.

אפיס: 218 מעקינטייר בלאק
שטונדן: 9 ביז 12 פרי און 2 ביז 5 נ. מ.
O. DETHLEFSEN
Physiologist and Magnetopathist

WESTERN MESSENGER TRANSFER SERVICE
פארסל דעליווערי, באגאזש, עקספרעס און האלסייל דעליווערים.
מעסענדזשערס, מאטארסייקלס און מאטאר טראקס.
371 Notre Dame Ave. Ph 26 316

BONNEAU & CO.
ביילעפס, לייסענסד און באנדער
316 NOTRE DAME AVE.
PHONE 87-100

פארלארן

פארלארן זונטאג ביינאכט אין תלמוד־תורה, אדער אין יענעם געגנט, א גאלדענע שפיקע אין דער פארמע פון א שטערן, מיט בריליאנטן. דער געפינער איז געבעטן צו מעלדן אין 438 סטעלא אדער טעלעפאנירן 51 140. באלוינונג.

געזעלש. קאלענדאר

(שלוס פון זייט 1)

דינסטאג, דעצ. 15

חנוכה פארטיע פאר מענער און פרויען ביי לידיס אקז. שטאט קאמיטעט, 8 נ. מ., אין ציון זאל. מוזיק פראגראם.

מיטוואך, דעצ. 16

פארזאמ. פון וופג. הדסה ביי מרס. ספעקטאר, 337 מאניטאבא עווע., 2 נ. מ.

זונטאג, דעצ. 20

טיי פאר דער ת״ת ביי מרס. זלאבינסקי, 401 באראום עווע., 3 ביז 11 נ. מ.

טיי פון מוטער־פאראיין פון ת״ת ביי מרס. אלטמאן, 323 פלארא עווע.

קאנצערט אראנזשירט פון מוטער פאראיין פון פרידשול, 8.30 נ. מ., אין פרץ זאל.

ליינט "דאס אידישע ווארט" — אייער אייגענע צייטונג, געדרוקט אין אונזער אייגענער שפראך, פאר אונזערע אייגענע אינטערעסן, פארשפרייט אין אלע אידישע היימען פון וויניפעג און מערב קאנאדע

וואנצן און קאקראוטשעס
פארניכטעט. ארבעט גאראנטירט
CHARLES RIESS & CO.
376 Colony St. Phone 33 529

:: צו פארקויפן :: FOR SALE

סוויטס צו פארדינגען פון 2 ביז 5 רומס, אין באלפוריא אפארטמענטס, קארמאן בלאק, גלאב אפארטמענטס, רענפריו אפארטמענטס, גאבל בלאק ריווערא בלאק, נארט־פאנאמא אפארטמענטס. רעדוצירטע רענט. צו זייער ביליקע פרייזן.

אינשורענס פאר אלערליי צוועקן.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

צו פארקויפן אדער צו אויסבייטן א סעמי מאדערן קאטעדזש מיט פוירנעס און באד אויף א סטאר אין אידישן געגנט. זיך ווענדן אין 432 מעגנוס עווע. טעלעפאן 57 874.

:: צו פארדינגען ::

צו פארדינגען א שיינעם באקוועמען צימער. נוצן פון קיטשען, דיינינג רום, פארלאר און פיאנא. און עקסטרא קאסט זיך ווענדן אין 442 סט. דזשאנס עוו.

געשעפט געלעגנהייטן

מאנופעקטשורינג, א געשעפט וואס האט געמאכט אן אויסגעצייכנטן דערפאלג, מוז פארקויפט ווערן. א זעלטענע געלעגנהייט. פאר מאן מיט $5.000.

פוירנישינגס און דריי גודס, בעסטע לאקיישאן אין שטאט. זייער גוטער סטאק פון $3,000, צו קויפן אונטער דעם מארקעט פרייז.

דזשענעראל, עטלאכע פון די בעסטע סטארס אין מאניטאבא קאנען איצט געקויפט ווערן. איינציקע וועלן בייטן אויף שטאטיקע פראפערטי.

אויב איר ווילט א געשעפט זעט

ה. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
874 Main St. Phone 51 000

פארלאנגט א פארטנער מיט $5.000 קעש צו אינוועסטירן אין א שטארקער, גוט באצאלטער האלסייל ביזנעס. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 8094.

פארלאנגט א פארטנער מיט א סומע פון $2.500 ביז $4.000 און זאל זיין פעאיק אלס סיילסמאן, צו א גוטער מאנופעקטשורינג ביזנעס. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 8078.

ארבעטער פארלאנגט HELP WANTED

פארלאנגט באלד א יונגערמאן, א שווערער ארבעטער, אלס סיילסמאן. גוטע פראפאזישאן. זיך ווענדן צו מר. קרוק, 280 ערמאנטאן סטריט.

ם. זיפורסקי

פריער פון טשארלס און פריטשארד וועמעס בוטשער שאפ עס האט אפגעברענט לעצטן שבת, האט געעפנט

א בוטשער שאפ
אין 289 סעלקירק עוועניו
(ביי מאגיד'ס)
בהשגחת הרב דפה
מיין נייער טעלעפאן איז
57 892

אזוי ווי־פריער וועל איך אויך איצט פארקויפן די בעסטע פלייש צו מעסיקע פרייזן און דעליווערן איבעראל.

איך וועל הויכשעצן אייער פאטראניזירונג

פארלאנגט א פארטרעטער

פאר

"דאס אידישע ווארט"

פאר רעדזשיינע און אומגעגנט
אנצונעמען אדווערטייזמענטס און סובסקריפשאנס.

זיך ווענדן צום אדווערטייזינג דעפארטמענט פון

אידישע ווארט

165 סעלקירק עוועניו ווינניפעג, מאנ.

פארלאנגט

צוויי גוטע סיילסלייט

מוזן זיין שווערע ארבעטער. קיין אנדערע זאלן זיך ניט ווענדן. זיי קאנען מאכן א סך געלט. שרייבט צו "דאס אידישע ווארט" באקס 7940.